בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

## קנ"א

יו"ל: י"ב אייר ה'תשפ"ה לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


בלייב אין שטוב

איינגעמען א זיסן שלאף

א באַחנ'טער מענטש

מען הייסט נישט קאָנטשען

"שוין" ווערן מיד!

דער אנהויב פון דעם ליקוטי מוהר"ן

"וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"

העכער ווי מלאכים

'עד דלא ידע'

טאטע, פארוואס שלאפסטו?!

'ימי הפורים לא נבטלים'

ער גייט נישט צו די מיט די ברייטע אַרבל

בעסער געבן געלט ווי איידער א ברכה

טרינקען ביז מסירות נפש

'הני כלבין דחציפין'

דער חתן איז שוין דא!



הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו
כן כדי לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 30$ יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
לשמיעת השיעור
המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1   ואח"כ 151#**

בס"ד

שיחת התעוררות לבחורים בענין

# לימוד התורה

שנת תשל"א

## בלייב אין שטוב

די תורה הויבט זיך אָן מיט דעם ווארט "בראשית". בראשי"ת, זאגט דער "תיקונים", מאכט 'רא"ש בי"ת'. די תורה הקדושה איז דער 'בַּיִת', און עס איז דא א 'ראש' איבערן 'בית'. די וואס לערנען די תורה די זענען אין א שטוב, און עס איז דא אויף זיי א ראש, ער גיט אכטונג אויף זיי און ער איז משגיח אויף זיי, זיי זענען נישט הפקר, זיי זענען אונטער א ראש[א].

ווידער איז דא א 'ראש כל חוצות', א 'ראש' איבער די וואס וואלגערן זיך אין די גאסן, זיי האבן נישט קיין שטוב. אט דאס קלאגט דער נביא: "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת". 'אבני קודש' מיינט מען נפשות - 'נפשות יקרות'. אידישע נפשות ווערן אנגערופן 'אבני קודש'. "תשתפכנה אבני קודש" - זיי וואלגערן זיך ארום אין די גאסן און זיי האבן אויף זיך אויך א 'ראש' - דאס איז דער 'ראש' פון 'כל חוצות'[ב].

---

[א] עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ג אות י"ב: הַתּוֹרָה מַתְחֶלֶת בְּבֵית מִבְּרֵאשִׁית שֶׁהוּא רֹאשׁ בַּיִת וְעַל יְדֵי הַתּוֹרָה נִכְלָלִין בְּאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל, אֲבָל בַּחוּץ הוּא רְשׁוּת הָרַבִּים וְשָׁם אֲחִיזַת הַחִיצוֹנִים; גם עיין שם הל' ספר תורה ה"ד.

[ב] כל זה הוא עפ"י מה שמבואר בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז, וזל"ש בא"ד: וְעַל כֵּן נִקְרָא רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, כִּי נִתְעַלֵּם, חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת רֹאשׁ בַּיִת, וַאֲזַי אֵין בַּיִת, וּמִתְגַּלְגְּלִים בַּחוּצוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וְעַל זֶה נֶאֱמַר: "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז" וְכוּ' (אֵיכָה ד). דְּהַיְנוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים מִתְגַּלְגְּלִים, חַס וְשָׁלוֹם, 'בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת', כִּי נִסְתַּלֵּק וְנִתְעַלֵּם הָרֹאשׁ בַּיִת, דְּהַיְנוּ הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, וְנִתְגַּבֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, הַהֵפֶךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֵׁם שֶׁל הַטֻּמְאָה שֶׁל הַחִיצוֹנִים, בְּחִינַת 'רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת' כַּנַּ"ל. וְיִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָיָה מְקוֹנֵן וּמְחַבֵּב דַּם יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּשְׁפַּךְ, וְהָיָה מִשְׁתַּתֵּף בְּצָרָתָן, וְהָיָה רוֹאֶה יִשְׂרָאֵל מוֹלִיכִים בְּקוֹלָרִין, וִידֵיהוֹן מְהָדְקִין לַאֲחוֹרָא, וְרֵחַיָּא עַל צַוְּארֵיהוֹן, וְהָיָה מִשְׁתַּתֵּף עִמָּהֶם, וְהָיָה מְקוֹנֵן עַל כָּל טִפָּה דָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל: "בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז וְכוּ' תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ" וְכוּ'.

די אלע וואס וואלגערן זיך אין די גאסן - זיי האבן נישט קיין שטוב, זיי ליגן נישט אין דער תורה, די תורה איז די שטוב! ער מעג וואוינען אין א שיינע שטוב פון שיינע צימערן, אויב ער ליגט אבער נישט אין דעם בית, אין דער תורה, געפינט ער זיך אונטער א 'ראש' וואס ער איז א ראש איבער 'כל חוצות'.

פארשטייט מען שוין דעם חילוק פון א 'ראש' איבער די וואס געפינען זיך אין שטוב וואס ער איז ער א 'ראש' איבערן 'בית', ביז חלילה די וואס וואלגערן זיך אין די גאסן, וואס דער 'ראש' איז א 'ראש' פון 'כל חוצות'.

דאס איז א געוואלדיגע התעוררות פון תורה בכלל ובפרט; די רגע, די מינוט וואס מען געפינט זיך אין דער תורה, איז מען אין שטוב, און דער ראש איבער מיר איז דער 'ראש-בית'.

ביי תורה איז נישט שייך צו זאגן - 'איך האב שוין אפגעלערנט'; אז דו לערנסט-אפ און דו לערנסט נישט מער - ביזטו שוין אינדרויסן, דו ביסט שוין אין 'חוצות', דו געפינסט זיך שוין אינדרויסן, האסטו שוין איבער זיך אַן אנדערן 'ראש'.

עס ווערט געבראכט אין הייליגע ספרים[ג], דער דין-וחשבון פון ביטול תורה איז דער שווערסטער דין וחשבון; דער אויבערשטער איז אויף אסאך זאכן מוותר - אויף ביטול תורה איז דער אויבערשטער נישט מוותר!

דערפאר, דאס ערשטע ווארט פון דער תורה, וואס דאס איז דאך דער יסוד פון דער גאנצע תורה, איז 'בראשית', דאס מאכט "ראש-בית"; זאלסטו וויסן, דו דארפסט זיין אין 'בית' און זיך דארט געפינען - אזוי ווי מען רעדט אויס אין קריאת שמע - "בשבתך בביתך" - אז דו זיצט אין שטוב דארפסטו אוודאי זיין אין 'בית', "ובלכתך בדרך" - אז דו גייסט אין וועג, ביסטו דאך דעמאלט אינדרויסן, דארפסטו אויך זיין אין 'בַּית', דארפסטו אויך זיין אין דער תורה, דארפסטו דעמאלט אויך מקיים זיין דעם "ודברת

[ג] עיין פתיחתא דאיכה רבתי, הקדמה, פס' ב': רַבִּי הוּנָא וְרַבִּי יִרְמְיָה בְּשֵׁם רַבִּי שְׁמוּאֵל בְּרַבִּי יִצְחָק אָמְרֵי, מָצִינוּ שֶׁוִּתֵּר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים וְעַל גִּלּוּי עֲרָיוֹת וְעַל שְׁפִיכוּת דָּמִים, וְלֹא וִתֵּר עַל מָאֱסָה שֶׁל תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר: עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ, עַל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים וְעַל גִּלּוּי עֲרָיוֹת וְעַל שְׁפִיכוּת דָּמִים - אֵין כְּתִיב כָּאן, אֶלָּא עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי.

כם", "ובשכבך ובקומך" - און אזוי אויך בשעת דו לייגסט זיך און בשעת דו שטייסט אויף.

## איינגעמען א זיסן שלאָף

דאס ענין פון זיך לייגן; א איד דארף זיין כסדר אפגעהיט, זיין גאנץ מיטן אויבערשטן. א גוי שלאפט אויך; וואס איז דער חילוק פון דאס שלאפן פון א איד ביז דאס שלאפן פון א גוי? א איד, איידער ער שלאפט איז דא א מצוה פון ליינען קריאת שמע פריער.

עס ווערט געבראכט אין די הייליגע ספרים, א מענטש דארף איינשלאפן מיט גוטע געדאנקען[ד]. אז ער שלאפט איין מיט א גוטן געדאנק, איז ביי דאס גאנצער שלאף געפינט ער זיך דארט אין דעם גוטן געדאנק! אז אין דעם גוטן געדאנק דארטן איז זיין שלאף, איז עס א הייליגער שלאָף!

און אז ער שטייט אויף און ער האט דאך געהאט א הייליגן שלאָף, איז עס 'ובקומך', איז עס א גוטער 'אויפשטיין', ווייל דער שלאף איז געווען א הייליגער. אבער אז ער לייגט זיך שלאפן - און דער 'קריאת שמע' איז ביי אים איינס-צוויי, מען טראכט וואס מען טראכט, און ווער שמועסט אז פארן שלאף רעדט מען גאר דברים בטלים - 'געוואלד! וואו געפין איך זיך אין דעם שלאף?!'.

דער הייליגער זוהר זאגט[ה], אז דער מענטש לייגט זיך שלאפן נישט אזוי ווי מען דארף, פירן אים די קליפות ארום ביים גאנצן שלאף, ער געפינט זיך רחמנא ליצלן אין א שלעכט ארט, אין אַן ארט פון קליפות.

---

[ד] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו אות כ"ד: וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו, שֶׁלָּקַח וּבֵרֵר מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם בִּבְחִינַת בֵּרוּר אוֹתִיּוֹת וְנִיצוֹצוֹת שֶׁהֵם בִּבְחִינַת אַבְנֵי קֹדֶשׁ שֶׁנָּפְלוּ לְהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת שֶׁהֵם אַבְנֵי נֶגֶף בִּבְחִינַת תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ וְכוּ', וְהַצַּדִּיק מְבָרֵר הָאֲבָנִים טוֹבוֹת שֶׁהֵם אַבְנֵי קֹדֶשׁ שֶׁהֵם אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו שֶׁמְּקַשְּׁרָם לְתוֹךְ הָרֹאשׁ וְהַשֵּׂכֶל. וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא, שֶׁיָּשַׁן מִתּוֹךְ דִּבְרֵי תוֹרָה, וְזֶה מְרַמֵּז עַל כָּל אָדָם שֶׁכְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמּוֹנְעִין אוֹתוֹ כְּמוֹ שֶׁמּוֹנְעִין, צָרִיךְ לְקַשֵּׁר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ דִּבְרֵי תוֹרָה וּלְהוֹצִיא מַחֲשַׁבְתּוֹ מֵרַעְיוֹנִים רָעִים וּלְקַשֵּׁר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ דִּבּוּרֵי תוֹרָה עַד שֶׁיָּשֵׁן מִתּוֹךְ דִּבּוּרֵי תוֹרָה שֶׁזֶּהוּ עִקַּר בְּחִינַת הַבֵּרוּר מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת.

[ה] עיין פר' בחוקותי דף קיג:

ער קען זוכה זיין אין דעם עולם אז דער שלאף זאל זיין א הייליגער שלאף; אז ער ליינט קריאת שמע ערנסט, ער היט זיך פון צו רעדן דברים בטלים פארן שלאף, ער ווערט איינגעשלאפן מיט הייליגע רייד, מיט הייליגע געדאנקען, איז עס א 'שינה דקדושה'; דערויף איז דא א פסוק[י]: "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד", עס איז א זיסער שלאף[ז].

און אז חלילה פארקערט, קען מען זיך אנרעדן מיט דברים בטלים פארן שלאף, מיט ליצנות מיט געלעכטער, און אזוי לייגט ער זיך שלאפן - רחמנא ליצלן - וואו געפינט ער זיך דעמאלט ביים שלאף?! ער ליגט אין דעם זעלבן בעט, אבער דאס איז אַן אנדער שלאף, ער געפינט זיך שוין גאר אין אַן אנדער פלאץ.

אט דאס איז די גרויסקייט פון דער הייליגער תורה, די תורה זי היט מיך אפ; אויף "בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ"[ח] - זאגט די גמרא[ט] - דאס מיינט מען 'בעולם הזה' - אז דו גייסט אין דער וועלט היט דיך די תורה; "בְּשָׁכְבְּךָ" - זאגט די גמרא - 'בקבר', אז דו ליגסט אין קבר, "תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ" - היט דיך די תורה; "וַהֲקִיצוֹתָ" - אז דו כאפסט זיך אויף, דאס איז בעת התחיה, "הִיא תְשִׂיחֶךָ" - וועט זי רעדן פאר דיר (- תליץ בעדך את זכותך. רש"י).

געוואלד! וואס איז דער חילוק פון אונז ביז להבדיל א גוי? א גוי האט נישט קיין שום מלכות שמים אויף זיך, אז ער וויל עסן - עסט ער, אז ער וויל שלאפן - שלאפט ער, אז ער וויל רעדן - רעדט ער, ווער פארצוימט אים? ווער מאכט אים א גדר אז דאס מעג מען יא און דאס טאר מען נישט? ער האט נישט קיין שום גדרים.

---

[י] קהלת ה, יא.

[ז] עיין ליקוטי תפילות תנ' ה': וּתְזַכֵּנוּ לְשֵׁנָה דִקְדֻשָּׁה לְשֵׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, וְתָאִיר עֵינֵינוּ פֶּן נִישַׁן הַמָּוֶת, **וְנִזְכֶּה לִישַׁן מִתּוֹךְ דִּבְרֵי תוֹרָה תָמִיד**, שֵׁנָה שֶׁל חַיִּים, **שֵׁנָה טוֹבָה עֲרֵבָה וּמְתוּקָה**, וִיקֻיַּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: **"מְתוּקָה שְׁנַת הָעוֹבֵד אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל"**, בְּטוֹב אָלִין אָקִיץ בְּרַחֲמִים.

[ח] משלי ו, כב.

[ט] סוטה כא.

מיר האבן דאך אבער גדרים, אויף יעדן זאך זענען מיר פארצוימט, נישט וואס איך וויל רעדן מעג איך רעדן, איך האב א גדר וואס מעג איך רעדן און וואס טאר איך נישט רעדן, א דיבור אסור דאס טאר איך נישט רעדן.

עס שטייט אין זוהר הקדוש[י], אז א מענטש רעדט דברים בטלים און נאכדעם כאפט ער זיך צו - ער וויל לערנען, און ער טוהט גארנישט קיין תשובה אויף די דברים בטלים, זאגט דער זוהר, רופט מען אויס אין די פמליא של מעלה - 'אויף פערציג טאג איז ער בנידוי!' - עס ווערן נישט אנגענומען זיינע תפילות. אבער אויב ער האט געטוהן תשובה איז מען אים מתיר דעם נידוי, מען איז אים מתיר דעם חרם.

**דאס איז א געוואלד, דאס דארפן מיר האבן אמונה, דאס איז א "זוהר הקדוש"! עס איז א געוואלד! וואס דארטן שטייט איז 'אמת ויציב ונכון וקיָם'! עס איז נישטא קיין איבעריגווארט! עס דארף דאך פאַלן עפעס א פחד און א מורא - 'ווי קען איך רעדן דברים בטלים?! אז איך רעד דברים בטלים גיי איך ארוים פון דער קדושה, מען איז מיר אויבן מנדה - אין חרם אריין לייגט מען מיר אויבן!'.**

## א בא'חנ'טער מענטש

דער ליקוטי מוהר"ן הויבט זיך אָן מיט דעם ווארט: "דע" - דו זאלסט וויסן, "על ידי התורה ווערן נתקבל די תפילות און די בקשות" - דורך דער תורה ווערן אנגענומען אונזערע תפילות און אונזערע בקשות - אט דאס איז דער אנהויב ליקוטי מוהר"ן.

מיר דארפן דאווענען אוודאי, און מעורר זיין מיט תפילות, אבער עס דארף דאך נתקבל ווערן די תפילות; דורך תורה ווערן נתקבל די תפילות און די בקשות.

א פסוק איז דא אין משלי[יא]: "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן". זאגט די גמרא[יב], 'שמעלת חן על לומדיה' - די תורה ברענגט א חן אז די וואס לערנען דער תורה האבן א חן - זיי

---

[י] פר' פקודי דף רמט:

[יא] ה, יט.

[יב] עירובין דף נד:

האבן ביים אויבערשטן א חן. אז מען האט 'חן', ווערט געבראכט, אפילו דער מענטש האט נישט דערווערד, אבער איך האב חן ביים אויבערשטן[יג].

עס שטייט אין בראשית ביים סוף[יד]: "כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם, וְנֹחַ מָצָא חֵן". זאגט דער מדרש[טו]: "כי נחמתי כי עשיתים ונח", נח איז אויך געווען אין דעם כלל וואס דער אויבערשטער האט חרטה געהאט אויף אים, נאר "מצא חן" - ער האט געהאט ביי מיר חן.

נח איז נישט געווען פון די וואס האבן געדארפט איבערבלייבן, נאר "מצא חן", ער האט געפונען חן ביים אויבערשטן.

זעהען מיר, עס איז דא א 'נשיאות חן'; דער מענטש האט נישט דערווערד נאר ער האט חן. וואס מאכט דעם מענטש אז ער האט חן? די תורה איז "אילת אהבים ויעלת חן" - 'שמעלת חן על לומדיה'! די תורה הקדושה דאס גיט אראפ א חן! דער וואס לערנט - ער האט א חן ביים אויבערשטן! און אז ער האט חן, ווערן אנגענומען די תפילות.

## מען הייסט נישט קאָנטשען

דער רבי האט געוואלט מען זאל זיך מיישב זיין, מאכן עפעס א חשבון אויף זיך - 'געוואלד, צו וואס קען איך זוכה זיין אז איך וועל גיין אין דעם וועג, און וואס קען איך אנווערן אז איך וועל גיין אין דעם צווייטן וועג!'.

---

[יג] וכפי שמשמע מדברי רבינו שם בפנים בתורה הנ"ל, וזל"ש: **עִקָּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן**, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן, שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה, שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. אֲבָל עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנו"ן וְהַחי"ת כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה (מִשְׁלֵי ה): **"יַעֲלַת חֵן"**, וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, **כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן**, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ.

[יד] בראשית ו, ז.

[טו] בראשית רבה כח, ט; עיין גם גמ' סנהדרין קח.

רבי טרפון זאגט אין "אבות"[טז]: "היום קצר" - די וועלט איז ווינציג, "והמלאכה מרובה" - עס איז א גרויסע תורה, "והפועלים עצלים" - פוילע ארבעטער, "והשכר הרבה, והבעל הבית דוחק", דער אויבערשטער איז דער בעל הבית, ער קוועטשט, ער איז נישט מוותר אויף גארנישט; זאגט ער, "לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה"[יז], מען הייסט דיך נישט קאָנטשען (- לגמור), אבער ליידיג זיצן טארסטו נישט, "ולא אתה בן חורין ליבטל ממנה".

דער דין-וחשבון איז נאר "פארוואס בטל'סטו?!". אז דו לערנסט און דו קענסט נישט פארשטיין - איז מען מוותר; וויפיל דו קענסט - מאטער זיך, פרעג א חבר; אבער 'ליבטל ממנה' - דאס ביסטו נישט פריי, דאס ביסטו נישט פריי אפילו אויף קיין רגע.

אט דאס דארף מען זיך מיישב זיין; איר זענט דאך בני ישיבה, מופרש אויף תורה, אוועקגעגאנגען פון שטוב, יעדער איינער ביי זיך אין שטוב האט ער אפשר דארט מער הרחבה, איז דאך מקויים געווארן ביי אייך דעם "וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ"[יח], אוועקגעגאנגען פון שטוב, זיך מפריש געווען אויף תורה, "וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ". איז דאך א געוואלד, אז מען איז שוין מופרש אויף תורה, דארף מען דאך דאס זעהן אויסצוניצן, נישט בטל'ען.

נאך א זאך האבן מיר פריער גערעדט; וואו געפין איך זיך דעמאלט (- בביטול תורה)? אין גאס! איך האב דאך נישט קיין שטוב דעמאלט, איך האב דאך איבער זיך א 'ראש כל חוצות'. ירמי' הנביא שרייט: "תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות"! כאטש מיר זענען נישט מרגיש, מיך דאכט זיך אז איך געפין זיך אין א שטוב; מען מעג האבן די שענסטע שטוב אין דעם שענסטן שיכון, אויב עס איז נישטא קיין תורה - זאגט ער, ליגט מען אונטערן 'ראש כל חוצות'! די שיינע שטוב איז גארנישט; די תורה - דאס איז די שטוב, דאס איז די שטוב!

---

[טז] פ"ב, מט"ו.

[יז] שם מט"ז.

[יח] תהלים מה, יא.

# "שוין" ווערן מיד!

דער רבי האט דאך זייער געהאלטן פון תפילה, אבער עס דארף דאך נתקבל ווערן די תפילות; דורך וואס ווערן נתקבל די תפילות? - זאגט דער רבי - דורך תורה! די תורה איז 'מעלת חן על לומדיה', די לומדים באקומען חן, ממילא הערט דער אויבערשטער צו זייערע תפילות כאטש זיי זענען נישט ראוי; "וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן"[יט] אפילו זיי זענען נישט ראוי.

יעקב איז די תורה, יעקב האט געבענטשט די קינדער מיט חן, "הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ"[כ]. עס ווערט געבראכט, ווייל יעקב איז דאך די תורה, האט ער זיי געבענטשט מיט חן, ווייל די תורה גיט אריין א חן. יעקב אליין איז תורה, האט ער זיי געגעבן א ברכה "הילדים אשר 'חנן'". זעהען מיר ארויס אז די תורה הקדושה גיט אריין א חן[כא].

מיר פארשטייען אליין אז עס איז דא א גרויסער יצר הרע, מיר זעהען דאך דאס ארויס, בשעת דער מענטש הויבט אָן לערנען תורה ווערט ער מיד, עס פאלט אויף אים א מידקייט, אבער ווען ער הויבט אָן רעדן דברים בטלים ווערט ער גארנישט מיד, ער קען אפרעדן א דריי שעה דברים בטלים און ער ווערט גארנישט מיד...

אינ'אמת'ן וואלט געדארפט זיין פארקערט, מיד וואלט מען געדארפט ווערן ביי דברים בטלים - דארטן דארף מען ווערן מיד, נישט נאר ביי דריי שעה, נאר ביי איין דיבור בטל דארף מען שוין ווערן מיד... - "געוואלד, ווי קען איך רעדן א דיבור בטל, מען וועט מיר דאך אויבן מנדה זיין, מען וועט דאך נישט אננעמען מיינע תפילות!" - דארף איך דאך "שוין" ווערן מיד.

---

[יט] שמות לג, יט.

[כ] בראשית לג, ה.

[כא] עיין בליקוטי מוהר"ן שם בפנים: **וְעַל כֵּן יַעֲקֹב שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל** כַּנַּ"ל, **עַל כֵּן זָכָה לְחֵן**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ל"ג): **"כִּי חַנַּנִי אֱלֹקִים"** וְכוּ'; וְעַל כֵּן בֵּרַךְ אֶת הַשְּׁבָטִים בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם): **"הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן"** וְכוּ'; וּבִנְיָמִין לֹא הָיָה אָז. וְעַל כֵּן בֵּרְכוֹ יוֹסֵף בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מ"ג): **"אֱלֹקִים יָחְנְךָ בְּנִי"**.

צדיקים האבן אונז שוין מודיע געווען אז מיר זאלן זיך נישט לאזן נארן, וויסן אז די וועלט נאַרט אפ![כב] מיר זאלן דאס וויסן, און נאכאמאל איבער'חזר'ן די דיבורים, הלוואי זאלן מיר דאס איבער'חזר'ן, מען זאל דאס גוט אריינעמען אין הארצן אריין.

דער זוהר הקדוש זאגט[כג]: "אָעָא דְּלָא סָלִיק נְהוֹרֵיהּ" - א שטיק האלץ אז עס ברענט נישט, "יְבַטְשׁוּן בֵּיהּ וְאַנְהִיר" - גיט מען אים קלאפ, פאלט אראפ דאס אַש, הויבט עס אָן ברענען; "גּוּפָא דְּלָא סַלְקָא בֵּיהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא" - א גוף וואס די ליכט פון דער נשמה גייט נישט אריין אין גוף אריין, "יְבַטְשׁוּן בֵּיהּ" - דארף מען אים אנקלאפן דעם גוף, "וְיִסַּלֵּק נְהִירוּ דְּנִשְׁמְתָא"; מיט וואס? מיט תורה![כד]

אנקלאפן דעם גוף איז נאר מיט תורה און מיט תפילה.

## דער אנהויב פון דעם ליקוטי מוהר"ן

מען זאל וויסן, די אלע תפילות וואס מיר בעטן - זאגט דער רבי - ווערן נישט נתקבל נאר דורך תורה!

מען זאל נישט איינרעדן זיך אז דער ברסלב'ער חסיד דארף נישט לערנען[כה]. איך בין געוואקסן געווארן אין אומאן, האב איך געזעהן ברסלב'ער חסידים, זיי זענען געווען

---

[כב] עיין שיחות הר"ן אות נ"א.

[כג] פר' שלח דף קסח.

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ג אות ד': וּכְמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת וּלְהוֹצִיא הַשֶּׁמֶן לְמָאוֹר מֵהַזַּיִת. כִּי אִם עַל יְדֵי כְּתִישָׁה שֶׁכּוֹתְשִׁין וְכוֹתְתִין הַזֵּיתִים לְהוֹצִיא מֵהֶם הַשֶּׁמֶן, כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ אִי אֶפְשָׁר לְגַלּוֹת הַתּוֹרָה וְהַנֶּפֶשׁ וְהַזִּכָּרוֹן וְכוּ' כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁכּוֹתְשִׁין וּמְכַתְּתִין הַגּוּף שֶׁעַל יְדֵי זֶה כּוֹתְשִׁין וּמְשַׁבְּרִין הַסִּכְלוּת שֶׁל הַחֹמֶר וּמְבַטְּלִין וּמַכְנִיעִין הַשִּׁכְחָה. וְאָז נִתְגַּלֶּה אוֹר הַנֶּפֶשׁ וְהַתּוֹרָה וְהַזִּכָּרוֹן מִתּוֹךְ הַגּוּף וְהַשִּׁכְחָה וְכוּ', כִּי נִתְבַּטֵּל הַגּוּף וְהַשִּׁכְחָה לְגַבֵּי הַנֶּפֶשׁ וְהַתּוֹרָה וְהַזִּכָּרוֹן וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אֵין הַתּוֹרָה מִתְקַיֶּמֶת אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ, כִּי צָרִיךְ לְהָמִית עַצְמוֹ עַל הַתּוֹרָה לְכַתֵּת וּלְשַׁבֵּר הַגּוּף. וְאָז דַּיְקָא נִתְגַּלֶּה הַתּוֹרָה וְהַנֶּפֶשׁ וְהַזִּכָּרוֹן וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר. בְּחִינַת מַה שֶּׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ **אָעָא דְּלָא סְלִיק בֵּהּ נוּרָא מְבַטְּשִׁין לֵהּ גּוּפָא דְּלָא סָלִיק בֵּהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא** וְכוּ'. נִמְצָא, שֶׁזַּיִת וְשֶׁמֶן הוּא בְּחִינַת גּוּף וָנֶפֶשׁ כוּ'. וְעַל כֵּן כָּל שִׁעוּרִין שֶׁל תּוֹרָה בִּכְזַיִת.

[כה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' תצוה תקצ"ה: גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְעַתָּה מַכְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל הַמְכַנִּים עַצְמָם

מתמידים געוואלדיגע אין תורה, זיי האבן געענדיגט אלעמאל די ארבעה שולחן ערוך'ס, אלעמאל געלערנט תורה, מען האט נישט גע'בטל'ט, א רגע בטל איז געווען **א געוואלד!**

דער רבי האט טאקע געהייסן עוסק זיין אין תפילה, אבער מען זעהט אז דער ליקוטי מוהר"ן הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "דע" - דו זאלסט וויסן, "**דורך דער תורה ווערן נתקבל אלע תפילות און אלע בקשות!**" - אט דאס איז דער אנהויב פון דעם ליקוטי מוהר"ן.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, איך מיין נישט אייך, איך מיין מיך אויך, אז איך רעד צו אייך רעד איך צו זיך אליין אויך, מען דארף האבן גרויס רחמים, די דיבורים וואס איך רעד צו אייך רעד איך אלס ידידות, אלס פריינדשאפט, אלס אמת, אז פון איצטערט אָן זאל מען זיך זייער היטן פון צו רעדן דברים בטלים, ווער שמועסט פארן שלאף איז א געוואלד דעמאלט רעדן דברים בטלים - וואספארא שלאף וועל איך האבן אז איך וועל רעדן דברים בטלים? וואו וועל איך מיך געפונען ביי דעם גאנצן שלאף? ווי אזוי וועל איך אויפשטיין דערנאך?!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך האלטן אין די תורה און מקיים זיין דעם "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך".

---

בְּשֵׁם חֲסִידִים וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם, וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם לֹא יוֹתֵר **כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלְבֶר** וְכוּ'...

שיחה בעת

# משתה היין

פורים תשל"ה

## "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"

**יענקל** (- ה"ה ר' יעקב לייב שפירא בן ר' שמואל ז"ל), **פארוואס לאזטו איבער דיין טאטן?! "כבד את אביך", עס איז אזוי גוט צו הערן דיין טאטן, פארוואס לויפסטו אוועק פון דיין טאטן? אי א טאטע, אי א צדיק, אי אלצדינג, פארוואס לויפסטו אוועק פון דעם טאטן?** (ר' יעקב לייב: מיין טאטע זאגט איצטער ליקוטי תפילות!).

**הער זיך איין, דו הער דיין טאטן זאגן "תפילות", וועסטו אויך זאגן "תפילות" מער. "אזא טאטן" - דארפסטו זיין ביים טאטן! אלעס איז דא, אי א טאטע, אי א רבי, אלעס! נישט סתם א טאטע, א טאטע מיט א רבי'ן צוזאמען, "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"[כו], דיין טאטע איז א ירא ה', מען דארף אים מכבד זיין - דיין טאטן[כז].**

(רלוי"צ עונה לאחד הנוכחים:) **אז איך האלט ביי 'עד דלא ידע' וואלט איך געזעצן דא?** (הנ"ל: ביי 'עד דלא ידע' דעמאלט קען מען הערן ווערטער...) **אז מען האלט ביי 'עד דלא ידע' רעדט זיך - - אבער אז איך וויים אז איך זיץ דא און אז דו זיצט דא, איז גאנץ ווייט פון**

---

[כו] תהלים טו, ד.

[כז] עיין שיש"ק (ישן) ח"ה אות ת"ז: הִתְבַּטֵּא פַּעַם רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל בְּסוֹף יָמָיו וְאָמַר: כְּשֶׁעָלִיתִי לָאָרֶץ הִרְהַרְתִּי בְּעַצְמִי בְּמִי אֲקַיֵּם כָּאן בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (צִוּוּי הַתּוֹרָה) **"וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"**, עַד שֶׁקִּבַּלְתִּי עַל עַצְמִי לְקַיֵּם זֹאת בְּרַבִּי שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא, וְתוֹדָה לָאֵל שֶׁמַּרְתִּי עַל כָּךְ מֶשֶׁךְ כָּל שְׁנוֹת הֶכֵּרוּתִי יְהוּדִי יָקָר זֶה. גם עיין שם ח"ו אות ק"צ: בְּאוֹתָם הַיָּמִים שֶׁחָזַר רַבִּי שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל מֵהַשֶּׁבִי הַיַּרְדֵּנִי הִגִּיעַ אָז רַבִּי לֵוִי יִצְחָק לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּלְקָחוֹ רַבִּי יִצְחָק מֵאִיר קוֹרְמָן זַ"ל לְהַפְגִּישׁוֹ עִמּוֹ, וְהָלַךְ וְרָאָהוּ עוֹדוֹ מְלֻבָּשׁ בְּבִגְדֵי הַשֶּׁבִי, וְאָמַר אַף שֶׁהָיָה רַבִּי שְׁמוּאֵל לָבוּשׁ עֲדַיִן בְּבִגְדֵי שִׁבְיוֹ וּמְיֻסָּר מְאֹד. אוּלָם תֵּכֶף הִרְגַּשְׁתִּי בִּקְדֻשָּׁתוֹ, וְקִבַּלְתִּי עָלַי לְכַבְּדוֹ וּלְקַיֵּם בּוֹ הַכָּתוּב **"וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד"**, וְהָיָה רָגִיל לוֹמַר עָלָיו אַף שֶׁכָּאן בָּעוֹלָם הַזֶּה הוּא שַׁתְקָן מִטִּבְעוֹ, אֲבָל שָׁם בְּעוֹלַם הָאֱמֶת בְּוַדַּאי קְדֻשָּׁתוֹ בִּשְׁמִירַת הָעֵינַיִם רוֹעֶשֶׁת הַרְבֵּה. רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל הָיָה מְבֻגָּר מִמֶּנּוּ בְּכְשֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנִים.

'עד דלא ידע'... אמאל איז געווען 'עד דלא ידע' ממש 'עד דלא ידע', אבער איצטער איז 'עד דלא ידע'?!

❖

## העכער ווי מלאכים

(מוהרנ"ת אמר:) "די עבודה פון פורים איז שווערער פון דער עבודה פון יום כיפור!". די עבודה פון יום כיפור איז אַן עבודה - מען פאסט, מען עסט נישט, מען זיצט אין שול, מען דאווענט און מען לערנט. אבער פורים - דאס שיכרות, דאס טרינקען, מאכן ווערטלעך, לאכן - און דארטן די עבודה, דאס איז אסאך שווערער.

'יום כיפור' איז 'יום כיפורים' - כ'פורים - אזוי ווי פורים, כ'פורים[כח]; איז דאך פשט טאקע, פורים איז גרעסער!

(השואל: מיט וואס איז עס גרעסער? מען דארף מער עסן?) יעדע עבודה וואס איז מלובש אין גשמיות איז די עבודה פיל העכער; אַן עבודה חיצוניות - און דארטן אַן עבודה פון אכילה ושתיה און אנדערע זאכן וואס איז מלובש אין גשמיות, אט די עבודה איז געוואלדיג שווער.

וואס איז מלאכים? מלאכים זענען נאר רוחניות אליין, ריין רוחניות, זיי ברענען צום אויבערשטן, פלאקערן, זינגען שירות ותשבחות; (משא"כ) דא איז דאך אַן עבודה פון עסן, טרינקען און שיכור'ן און שלאפן, און פירן דורות, דא איז דאך אַן עבודה מלובש אין גשמיות; אָה - דאס איז שווער, דאס איז שווער!

---

[כח] עיין תורה אור על מגילת אסתר, אות ח': **וזהו ענין הפורים שגבוה יותר גם מבחי' יום הכפורים** שהרי **יום הכיפורים נקרא כפורים** כלומר כמו הפורים **בכ' הדמיון** בלבד ולא כמו פורים **ממש מכלל שפורים עצמו גבוה מיוהכ"פ**. גם עיין רסיסי לילה (לר"צ מלובלין), אות נ"ח: אמרו בתיקונים (תיקון כ"א) על יום הכיפורים דרצה לומר כפורים, כמו פורים, וידוע, מי נתלה במי? קטן בגדול (תענית ז.), כי **פורים הוא ימי רצון הרבה יותר מיום הכפורים.**

**דערפאר טאקע איז א איד העכער פון די מלאכים, אידן זענען העכער ווי מלאכים; די מלאכים וועלן דארפן** (לעתיד לבא) **פרעגן די אידן "מַה פָּעַל קֵל"**[כט]**; פארוואס? ווייל אידן זענען אין דעם עולם וואס איז מלובש פול מיט גשמיות, פול מיט תאוות, פול מיט תענוגים, און דא אז מען ארבעט זיך אויס, איז ער פיל העכער, פיל העכער**[ל].

❖

## 'עד דלא ידע'

(השואל: וואס איז דער ענין פון 'עד דלא ידע' אום פורים? פארוואס דארף מען זיין אזוי שיכור 'עד דלא ידע'?) **'שמחת תורה' איז א שמחה 'בדעת', און 'פורים' איז 'עד דלא ידע'. דער רבי זאגט אין דער תורה**[לא]**, "אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה, וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי", "תכלית הידיעה שלא נדע". דער תכלית פון דער ידיעה איז, אז איך קום צו צו 'לא נדע' - איך ווייס גארנישט! אז א מענטש איז אין א ידיעה - ווייסט ער דאך; דער 'תכלית הידיעה' איז, ער זאל וויסן אז 'לא נדע'**[לב].

---

[כט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א': **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר (במדבר כג, כג): "**כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל**", שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל.

[ל] עיין ליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה אות ט"ז: אַךְ זֶה כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁכָּל הַבְּרִיאָה הָיְתָה בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵיהּ, כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לָדַעַת וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ. **וְעִקַּר הַבְּרִיאָה הוּא הָאָדָם**, הַיְנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר רַק הֵם זוֹכִים לְהַכִּירוֹ בֶּאֱמֶת **עַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּחִירָה וְעוֹמְדִים בְּנִסָּיוֹן וְצֵרוּף בְּזֶה הָעוֹלָם הַגַּשְׁמִי הָרָחוֹק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ מְאֹד**, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ סָתִים וְנֶעְלָם בְּתַכְלִית הַהֶעְלֵם כִּי לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָה בֵּיהּ כְּלָל, כְּמוֹ שֶׁאָמַר אֵלִיָּהוּ וְשִׁעֵר בְּדַעְתּוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם מַלְאָךְ וְשָׂרָף וּלְשׁוּם נִבְרָא לְהַשִּׂיג אֲמִתָּתוֹ, כִּי אִם נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי שֶׁיֵּרְדוּ לְזֶה הָעוֹלָם הַגַּשְׁמִי וְיִהְיֶה לָהֶם בְּחִירָה וְיַעַמְדוּ בַּנִּסָּיוֹן. וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא יִזְדַּכְּכוּ וְיִצְטָרְפוּ **עַד שֶׁיִּזְכּוּ לְהַשָּׂגַת אֱלֹקוּתוֹ מַה שֶּׁאֵין שׁוּם מַלְאָךְ וְשָׂרָף יָכוֹל לִזְכּוֹת**, כִּי זֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּזְכּוּ לְהַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, עַד שֶׁהַמַּלְאָכִים יְקַבְּלוּ וְיִלְמְדוּ מֵהֶם, כְּמוֹ שֶׁפֵּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק, "**כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל**", עֲתִידִין צַדִּיקִים שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת וְכוּ'.

[לא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ג.

[לב] עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפיים ה"ד אות ז': וּצְרִיכִין לְהַגְדִּיל הַשִּׂמְחָה עַד שֶׁיִּזְכֶּה עַל יְדֵי **הַשִּׁכְרוּת וְהַשִּׂמְחָה שֶׁל פּוּרִים** לָבֹא לִבְחִינַת **תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע** שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת **עַד דְּלֹא יָדַע** וְכוּ'.

(רלוי"צ פונה לאחד מחתניו של ר' שמואל שפירא ז"ל) גיי צו דיין שווער - ער איז א צדיק! (חתנו: איך בין שוין געווען!) ניין, דו ביסט נישט געווען; וויבאלד דו גייסט אוועק פון דיין שווער - ביסטו נישט געווען... דו ווייסט גארנישט צו וואס דו האסט זוכה געווען - א 'חתנו של צדיק' - אַן אײדעם פון א צדיק! גיי שעפ פון דעם צדיק!

הער זיך איין; דיין 'דין-וחשבון' וועט זיין פיל שווערער, א צדיק'ס אַן אײדעם, דארפסטו דאך זיין גאר עפעס אנדערש, דו האסט דאך דיין שווער, פארוואס לויפסטו אוועק פון אים?! "הפך בה דכולא בה"! ער באהאלט זיך, אבער לאז אים נישט זיך באהאלטן.

(אחד הנוכחים: ער האט דאך א פארמאכט מויל?) אבער פורים רעדט ער יא אביסל. (אחד הנוכחים: 'אביסל') גיב אים נאך טרינקען 'אביסל', וועט ער נאך 'אביסל' רעדן...

(אחד הנוכחים: איר האט אויך נישט געטרינקען - דאכט זיך מיר) הע הע, מער ווי אַן אנדער טאג.

איך זאג דיר אז דיין שווער איז א צדיק, האלט זיך ביים שווער, לערן זיך פון אים - וועסטו אויך עפעס זיין.

## טאטע, פארוואס שלאפסטו?!

(אחד הנוכחים: גיט מיר א ברכה!) דער אויבערשטער זאל דיר העלפן - דו ביסט דאך שוין א טאטע - דער זוהן וועקט דיך? אז ער וועקט דיך שטייסטו אויף? א זוהן אז ער וועקט, דארף מען אויפשטיין! פארוואס וועקט ער? פארוואס? נאר דער זוהן שרייט: "טאטע האב אויף מיר רחמנות! פארוואס שלאפסטו?! שטיי אויף זאגן א קאפיטל תהלים פאר מיר!".

עס שטייט פון דעם בעל-התניא: "'כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים'[לג]; נו, איז וואס זאל ער טוהן? ער זאל אויפשטיין זאגן א קפיטל תהלים!".

[לג] תהלים קג, יג.

דער זוהן שרייט, "טאטע, פארוואס שלאפסטו? זאג פאר מיר, בעט פאר מיר, דאס וועקט ער דיך!" נו, איז דארפסטו אויפשטיין.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן הערן די כרוזים.

דער רבי זאגט אין תורה ג', אז עס קומט האלבער נאכט, "כְּדֵין כְּרוֹזָא כָּרִיז[לד]: 'כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי אָדָם'"[לה]. האבן אונזערע לייט געזאגט, פארוואס עפעס פונקט ביי חצות הערט זיך דער כרוז? נאר אז מען איז זוכה אויפצושטיין 'חצות', הערט מען דעם כרוז וואס רופט אוים: "אזוי ווי צפרים וואס ווערן אריינגעכאפט אין א פח, אזוי ווערט דער מענטש אריינגעכאפט אין נעץ".

ווען הערט מען דעם כרוז? ביי חצות. אזוי הערט מען גארנישט קיין כרוז, מען כאפט זיך אריין צען מאל אין טאג (אין נעץ) און מען הערט גארנישט קיין כרוז; נאר דעמאלט (ביי חצות) הערט מען דעם כרוז "אזוי ווי פייגעלעך וואס כאפן זיך אריין אין נעץ, אזוי ווערן מענטשן אריינגעכאפט!" ביי חצות - דעמאלט הערט מען דעם כרוז.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אויפשטיין אין דער הייליגער צייט, וועט מען הערן דעם כרוז - **'מען זאל זיך נישט אריינכאפן אין דער נעץ אריין!'** דער אויבערשטער זאל העלפן!

❖

## 'ימי הפורים לא נבטלים'

(השואל: איר האלט אינמיטן מסביר זיין פארוואס פורים איז דער ענין פון 'עד דלא ידע'; וואס איז דער עבודה פון 'עד דלא ידע'?) מיר זאגן אין דעם פייט[לו]: "וְאִם כָּל הַמּוֹעֲדִים יִהְיוּ בְּטֵלִים, יְמֵי הַפּוּרִים לֹא נִבְטָלִים". איז דען עפעס א הוה-אמינא אז אלע מועדים זאלן ווערן בטל? עס וועט ווערן אַן אנדערע תורה? אלע ימים טובים וועלן ווערן בטל - פסח שבועות

---

[לד] קהלת ט, יב.

[לה] מלשון הזוהר ויחי רף רי"ז ע"ב.

[לו] יוצרות לשבת זכור.

סוכות? מען וועט מעגן ארבעטן אום פסח? מען וועט מעגן ארבעטן סוכות? ווי קען דאס זיין אין דער וועלט?! איז דען עפעס א הוה-אמינא אז עס וועט אזוי זיין אמאל? ווי קען זיין אזא מין זאך? עס וועט דען ווערן אַן אנדערע תורה?

נאר עס ווערט געבראכט[לז], די 'בטלים' מיינט נישט אז עס וועט ווערן בטל, נאר א קלענערער אור ווערט בטל פאר א גרעסערן[לח]; ער וועט האבן א ביטול פאר דעם גרעסערן אור.

דער אור פון משיח'ן איז א געוואלדיגער אור - אַן אור פון שער הנו"ן, וואס די אלע מועדים וועלן האבן א ביטול פאר דעם אור. אלע מועדים זענען נאר פון מ"ט, פון דעם אור פון משה רבינו, דער אור פון מ"ט שערים. אבער משיח וועט זיין דער אור פון שער הנו"ן, דערפאר וועלן אלע מועדים האבן 'ביטול' פאר דעם אור פון משיח'ן. אבער פורים וועט נישט האבן קיין ביטול, ווייל פורים איז אויך פון דעם שער הנו"ן![לט]

---

[לז] עיין קדושת לוי – דרוש לפורים: אמרו רבותינו ז"ל כל המועדים יהיו בטלים וימי הפורים לא יהיו נבטלים וכו' עיי"ש; גם עיין בני יששכר - מאמרי חדש אדר - מאמר ד' אות ח': סיפרו לנו חז"ל על פי קבלתם [ילקו"ש משלי תתקמ"ד] אם כל המועדים יהיו בטלים ימי הפורים לא נבטלים. הנה בודאי מהראוי להבין איך יצוייר שכל המועדים יהיו בטלים, והלא קיי"ל אשר הש"י לא יחליף ולא ימיר דתו, וגם אם יצוייר אשר המועדים יהיו בטלים מהראוי להתבונן מפני מה תגדל מעלת ימי הפורים אשר לא יהיו נבטלים, והנראה לענ"ד, דהנה אמרו רז"ל בפסוק לא יאמר עוד חי י"י אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים כי אם וכו' [ירמיה טז יד], ודרשו בו לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל [ברכות יב ע"ב], והנה הפסוק צווח לא יאמר עוד וכו', וצ"ל **שלא תהיה ניכר סיפור יציאת מצרים לפני סיפור הנסים דשעבוד מלכיות, והוא כדמיון דבר המתבטל בששים או במאה אשר הוא כלא היה ואפילו האיסור מתבטל ושב להיתר**, על כן נקרא לא יאמר היינו שיהיה כאילו לא יאמר, כענין ביטול בס' או במאה ואלף וכיוצא, והנה כל המועדים הם זכר ליציאת מצרים, והנה יהיו בטלים לימות המשיח, היינו שתגדל כל כך הנסים דלעתיד עד שניסי המועדים שהם זכר ליציאת מצרים יתבטלו בסיפור העתיד בס' או במאה ואלף וכיוצא, אבל ניסי ימי הפורים הנה הם מענין מחית עמלק, הנה בזה תלוי הגאולה העתידה, והנה הן המה כעניני גאולה העתידה שיהיה השם והכסא שלם ב"ב, הנה אלו ימי הפורים לא יהיה להם ביטול בששים וכיוצא, כי זכר הימים האלה הן הם כימי הגאולה האחרונה שימחה זרעו של עמלק במהרה בימינו אמן.

[לח] [וכמאמר רביז"ל בליקו"מ סי' קל"ה שטבע הקטנות שיתבטל לפני הגדלות, יעוי"ש].

[לט] כמבואר בליקוטי הלכות בכמה מקומות ובפרט בהל' בשר בחלב ה"ה אות י"ח; הל' ערלה ה"ה אות י"ב; הל' העושה שליח לגבות חובו ה"ג אות י"ב.

ער איז גלייך פון דעם אור פון משיח'ן, אזוי גרויס איז פורים![מ].

פורים איז אזא מין גרויסער אור אז מען קען אים גארנישט משיג זיין - סיידן אז מען שיכור'ט זיך אָן אז ער ווייסט גארנישט וואס טוהט זיך מיט אים... - אזוי קען ארייניין אביסל פון דעם אור.

אז דער מענטש איז אביסעלע ניכטער, קען ער נישט דעגרייכן דעם אור פון פורים, דאס איז אַן אור פון שער הנו"ן - ווער האט א שייכות צו שער הנו"ן?! נאר אז ער שיכור'ט זיך אָן, דעמאלט קען אביסעלע ארייניין עפעס א טראָפּן פון דעם אור.

אז ער איז ניכטער קען נישט ארייניין דער אור, אבער אז מען שיכור'ט זיך אָן, מען איז "לא ידע", דעמאלט קען ארייניין עפעס א ריח פון דעם אור פון דעם שער הנו"ן.

(השואל: אז ער איז אינגאנצן שיכור ווייסט ער דאך גארנישט!?) ער דארף נישט וויסן - ער שיכור'ט זיך אָן. אז ער ווייסט גארנישט, דעמאלט קען אין אים ארייניין אַן אור פון דעם שער הנו"ן, וואס דאס וועט זיין א טובה פאר דעם גאנצן יאר!

דאס איז אזא מין גרויסער אור, אז וויבאלד אז איך ווייס, קען דער אור נישט צוגיין צו מיר, אבער אז איך ווייס גארנישט, איך בין שיכור, איך ווייס גארנישט, קען דער אור ארייניין אין מיר.

---

[מ] עיין ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד אות י"ז: וְעַל כֵּן כָּל הַמּוֹעֲדִים בְּטֵלִים וִימֵי הַפּוּרִים לֹא נִבְטָלִים, **כִּי גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה תִּגְדַּל מְאֹד עַד שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִזְכָּר כָּל כָּךְ תֹּקֶף הַנִּסִּים שֶׁל הַגְּאֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה**, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְלֹא יֵאָמֵר עוֹד חַי ה' אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כִּי אִם חַי ה' וְכוּ' וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁתִּהְיֶה גְּאֻלָּה אַחֲרוֹנָה עִקָּר וִיצִיאַת מִצְרַיִם טְפֵלָה לָהּ. וּמִגֹּדֶל הַשִּׂמְחָה שֶׁיִּהְיֶה אָז תָּמִיד מֵעֹצֶם רִבּוּי הַיְשׁוּעוֹת וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ אָז לֹא יִהְיֶה נִכָּר כָּל כָּךְ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב שֶׁהֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם, כִּי גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה תִּגְדַּל בְּיוֹתֵר הַרְבֵּה מְאֹד וְיִהְיוּ כָּל יָמֵינוּ יָמִים טוֹבִים יְמֵי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ עַד שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִכָּר שִׂמְחַת יוֹם טוֹב מֵאַחַר שֶׁיִּהְיוּ כָּל יָמֵינוּ בְּשִׂמְחָה. **אֲבָל שִׂמְחַת פּוּרִים יִהְיֶה נִכָּר גַּם אָז** מֵאַחַר שֶׁעַל יְדֵי הַנֵּס שֶׁל פּוּרִים שֶׁהוּא מְחִיַּת עֲמָלֵק וּגְדֻלַּת מָרְדְּכַי זָכִינוּ לְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ הֶאָרַת מָרְדְּכַי, שֶׁהוּא בְּחִינַת בְּשָׂמִים רֹאשׁ מָר דְּרוֹר, שֶׁעַל יְדֵי זֶה זָכִינוּ לְהִתְחַזֵּק בִּתְפִלָּה תָּמִיד גַּם בְּסוֹף אֲרִיכַת הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה. וְעַל יְדֵי זֶה הָיָה עִקַּר הַגְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה, כִּי עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה כַּנַּ"ל, **עַל כֵּן יְמֵי הַפּוּרִים לֹא יִתְבַּטְּלוּ גַּם אָז** מֵאַחַר שֶׁעַל יָדָם הָיָה עִקַּר הַגְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה וְכַנַּ"ל.

אז דו ביסט 'לא ידע', דו ווייסט גארנישט, מיט א ביטול קען אריינגיין א נקודה פון שער הנו"ן, א ריח, א ריח דריח, עפעס, פארשטייסט?

❖

## ער גייט נישט צו די מיט די ברייטע אַרבּל

מען זאגט אז דער רמ"א האט געהאט א ברודער. איז דער רמ"א אמאל צוגעגאנגען זעהן וואס טוהט דער ברודער. ער האט געוואוינט דאכט זיך אונטערן שטאט קראקא. קוקט ער, האט ער געזעהן אליהו הנביא איז דארטן דא. האט ער געזאגט דעם ברודער: "ברודער מיינער, **אליהו קומט צו דיר; פרעג אים פארוואס קומט ער נישט צו מיר?**". האט ער אים געפרעגט, (האט אים אליהו געענטפערט:) **"צו די מיט די ברייטע ארבל קען איך נישט קומען!"**.

דער רמ"א איז שוין געווען "רָב" אין קראקא.

"צו די מיט די ברייטע ארבל - דארט קען איך נישט קומען"...

פארשטייסט? דער ברודער איז געווען נישט קיין ברייטע ארבל, ער איז נישט געווען קיין רב - דארטן איז ער געקומען.

דער אור קריכט נאר דארטן וואו עס איז "נישט"; דער וואס איז א גארנישט שב'גארנישט - דארטן גייט ער.

דער ברודער האט געפרעגט אליהו הנביא'ן - 'פארוואס גייסטו נישט צום ברודער? דער רמ"א איז דאך אזא פוסק אין דער וועלט?!' (ענה:) **"די וואס האבן ברייטע ארבל צו זיי קען איך נישט גיין!"**.

(השואל: די מעשה שטייט געדרוקט?) **יא יא!**[מא]

❖

---

[מא] כפי המודפס בספרים היה המעשה אצל בעל מחבר "ספר החיים" אחי המהר"ל מפראג, חבירו הנאמן של הרמ"א, והרי לפניך הסיפור המלא כפי שמביאו במחברת 'עדת צדיקים', מודפס בכמה דפוסים של

"ספר החיים" בתחילתו, וזל"ש: מצאתי העובדא הנפלאה המסופרת בקה"ל חסידים בסגנון זה: רבינו זצ"ל בעל המחבר זה הספר (- ספר החיים), היה הסגן של רבינו הרמ"א זצלה"ה, ובעת נוסעו לאיזה מקום בגלילות שלו וכדו', השאיר את רבינו תחתיו להיות יושב על מדין בקראקא, ועל פיו יצאו ועל פיו יבואו הבית דין צדק וכל ענייני הקהילה הגדולה. ויהי היום, ונעדרה הרבנית אשת רבינו מהר"ח, ומיד ותהום העיר בשידוכים עם גבירים אמידים ורבנים גדולים. אבל לא ישרו בעיני רבינו הרמ"א כי הוא ידע מגדולת חבירו הלא הוא רבינו זלה"ה. והוא בעצמו החריש תמיד ולא ענה מאומה. וכאשר ראו השדכנים כי רבינו הרמ"א לא יכול לבחור למענו שידוך הנאות לו, כָּלו מדברותם בענין זה, בידעם כי הוא סומך עצמו בזה על חבירו הטוב רבינו הרמ"א שהוא יברור למענו. אולם לא כן חשב רבינו, כי כאשר נסע הרמ"א לגלילותיו ונשאר הוא תחתיו בקראקא, שלח רבינו אחר שדכן ידוע לו לאיש נאמן נבון וחכם ובעל סוד, ויאמר לו, שמע נא הדברים אשר אדבר אליך ותסתירם מכל אדם, תחקור בעיר וסביבותיה אחר איש שיהיה ממשפחה כשרה ואפילו אינה משפחה גבוהה, שיש לו בתולה כשרה, ושיתן לי בית מיוחד וספרים כחפצי, ושיוכל להחזיק אותי לעסוק בתורה בלי טרדה ומניעה מדאגת פרנסה. ואפילו אם לא תמצא זאת רק ממשפחת אומנים, ואפילו הוא בעצמו אומן, רק שיהיה איש כשר, ובתנאי שיתרצה שלא יגלה הדבר לשום אדם שאני חתנו. ואם תמצא איש כזה תגיד לי ואני אומר לך את אשר תעשה. וילך השדכן ויחקור בעיר, וימצא איש אחד אופה איש פשוט וכשר, ויאמר לו, שמע נא אהובי, כעת תוכל לזכות להצלחה כזאת אשר כל ימיך וימי בניך ובני ביתך לא האמנת להגיע לדבר גדול ונכבד כזה, כי תוכל ליקח לך לחתן את הרב הגאון הנודע המפורסם בכל העיר בקרוב וברחוק, רבינו זי"ע, אשר כן וכן הגיד לי, על כן ראה מה שתעשה והיזהר שלא לגלות מזה לשום אדם, והֱיֵה זריז בדבר, כי כאשר יחזור רבינו הרמ"א מדרכו, אז בוודאי ייעץ לו איזה שידוך גדול והגון, ולא נוכל אז לדבר עוד מזה. ויען לו האופה, לך להרב וקח ממנו רשימה מן הספרים הדרושים לו, וקנה אותם, והעמידם בביתי, ויעזור לך ה' יתברך שתוכל לגמור הדברים בכי טוב. וילך השדכן בשמחה לרבינו, ויתן לו רשימה מן הספרים, ויעמידם בבית האופה, הכל בסוד גדול, כי כן קיבל עליו שלא לגלות לשום אדם אפילו אחר החתונה. ויעשו שלשתן ההתקשרות, ויצו רבינו לחכות עד עת מועד ולהכין צרכי החתונה. אחר כך בא רבינו הרמ"א מדרכו, וישאלו איש לרעהו לשלום בשמחה גדולה, ובמשך הימים ראה פני רבינו והינם זועפים. ויאמר לו, ידידי ומיודעי, למה פניך זועפים ודלים? הלא מה אתה חסר עמדי? גם תדע כי קרובה ישועתך לבוא, וכי בדרך הציעו לפני שידוך הגון מאד עבורך, ועדיין לא השבתי תשובה ברורה, אבל נכנס הדבר מאד בלבי, ואם תרצה בזה אכתוב מכתב ותיכף יבא לכאן לגמור בכי טוב. ויהי רבינו כמחריש. ובמשך ב' ימים אמר רבינו להרמ"א, תדע אהובי חביבי, כי נגמר בדעתי לנסוע למשפחתי ולבית אבי, ואם כי אתה טוב לי מעשרה אחים, עם כל זאת לבי הומה להתראות עם בני משפחתי ועם אחי הגדול המהר"ל אבדק"ק פראג. וכהתימו לדבר הוריד רבינו הרמ"א דמעות, ויאמר לו האתה תעשה לי זאת, אשר נפשי קשורה בנפשך ואתה יקר לי מעשרה בנים? ומה אתה חסר עמדי? ולמה תעגם נפשי להיפרד ממני? כהנה וכהנה ויבך, גם רבינו בכה בכי גדול. בכל זאת התחזק, ויאמר: אהובי צמיד לבבי, כי הומה לבי אל משפחתי, ואל נא תתרעם עלי אם כי מאד קשה עלי פרידתך, אבל כן גמרתי בלבי וכן יקום. וכראות רבינו הרמ"א כי הוא חזק בדעתו מאד, שנה את טעמו, וידבר אליו רכות, ויאמר לו אם כן כבד אכבדך מאד קודם הפרדך מעלי, ובראש חודש הבעל"ט אעשה סעודה גדולה ללומדי העיר לכבודך, ואשלחך בשמחה ובשירים בכבוד גדול כאשר לך יאתה. ויהי כבוא החודש, ויעש רבינו הרמ"א משתה גדול לכל זקני העיר וגדוליה, ואחר כך שכר מרכבה כבודה וגם משמשים בדרך, ונסע עמו רבינו

הרמ"א עם חשובי העיר ללותו, ואחריהם הלכו כמעט כל אנשי העיר אנשים נשים וטף. כמובן מי ראה אלו יוצאים ולא יצא, וגם האופה הנ"ל היה בתוכם. וכאשר נסעו מן העיר איזה מילין נפל רבינו הרמ"א על צוארי רבינו, ונשקו זה לזה, ויבכו ויברכו איש לרעהו ויפרדו זה מזה בשמחה וכבוד גדול. ויסע רבינו הרמ"א ואנשיו העירה, וגם כל המשמשים שלח רבינו בחזרה, ועיכב אצלו רק את השדכן הנ"ל שהוא ישמשו, וגם האופה נשאר אצלו לראות איך יפול דבר, ויסע עמהם עד הלילה, ובלילה פטר רבינו גם את העגלון לביתו. ויתחפש רבינו במלבושים אחרים, וישכרו עגלון אחר להביאם לבית האופה, וישלחו אחר שבעה אנשים פשוטים מהמון העם אשר לא ידעו את רבינו, ועשו חופה, ויקדש רבינו את אשתו כדת משה וישראל, ועשו סעודה כנהוג, וקודם אור היום הלכו הכל לביתם ולא נודע כי אם לאיזה אנשים אשר האופה עשה משתה נישואין לבתו עם איש אחד מארץ מרחק, וכאשר שאלוהו מכיריו למה לא קרא אותם אל המשתה, ענה להם איזה תירוץ אשר בדה אז מלבו. במשך הזמן נשכח הדבר ורבינו לא יצא מפתח ביתו ולמד בהתמדה גדולה כל היום וכל הלילה, לא נתן שינה לעיניו, ואיש לא ידע ממנו מאומה, ויאריכו הימים עד לערך ב' שנים. אחר כך נתהוה דבר גדול רח"ל בהעיר קראקא, ויצו רבינו הרמ"א לחקור בהעיר אולי ישמעו מאיזה נבלה וחטאים בלתי נודעים אשר בסיבתם באה הצרה הזאת. בתוך כך באו אנשים וסיפרו, הנה הקול נשמע כי חֲתן האופה פלוני נחשד על חטא גדול מאד, ויען רבינו הרמ"א, הביאוהו אלי. וירוצו תיכף שלוחי הבי"ד לבית רבינו ויסחבוהו לבית המשפט הגדול ורבינו הרמ"א היה אז בחדרו, ויודיעוהו כי החוטא כבר הוא הנה והוא עומד כעת בבית המשפט. ויצא רבינו הרמ"א וירם עיניו ויבט עליו ויכירהו תיכף, ויצו להתירו תיכף ויקחהו עמו לחדרו ויפול על צוארו ויבך מאד. וכהתימו לבכות וישא עיניו וירא והנה רבינו מצחק. ויאמר לו שלשה דברים אשאלך: מאין באת לבית האופה? ומה חטאך אשר הגידו עליך? ומה אתה מצחק? ויען לו רבינו אשיבך על ראשון ראשון, יען ראיתי שבביתך יש לי טרדות ובלבולים גדולים בתורה ותפילה מהעול הגדול של בני הקהילה המוטלים עליך, ועל כן בחרתי לי מקום שאוכל ללמוד ולהתפלל בלי בלבול ומניעה, ועל כן קראתי לפלוני השדכן וצויתי כך, וכן היו הדברים. ואשר שאלתני מה חטאי? אגיד לך דבר אמת, הן זה שתי שנים שאני עוסק יום ולילה בתורה ועבודה ואין אני חסר כלום, כי חותני מחזיק אותי בכבוד וזוגתי אשה צנועה וכשרה, והרגשתי כי נתעליתי ברוך ה' במדריגה גדולה, ויראתי פן אפול לגדלות ח"ו, ע"כ ביקשתי מה' יתברך שיזמין לי איזה שפלות, הגם שלא היתה כוונתי על שפלות כזו, אבל אם רצון ה' יתברך בכזה בוודאי אני מרכין ראשי גם לזה. ומה ששאלתני למה אני משחק? שחקתי מן האנשים העומדים שם הכן בשוטים לייסר אותי. וילך רבינו הרמ"א לבית המשפט ויאמר אליהם חדלו לכם מן האיש דגול מרבבה הזה, כי איננו החוטא, ואת רבינו עיכב אצלו איזה שבועות והתעלסו בשעשועי אורייתא עד שובו לבית לשלום. אחר כך בעבור איזה זמן התיישב רבינו הרמ"א בדעתו, אלך ואראה מעשה חברי אשר הגיד לי שביקש מה' יתברך שפלות, אבחנה הכנים המה דבריו או לא. ויקח את משמשו, וילך בשעה ב' אחר חצות הלילה לחצר האופה, ויעמוד תחת החלון לשמוע מה הוא עושה, וישמע שני קולות לומדים בטוב השכל מאד, ואת קול רבינו חבירו הטוב הכיר מיד, וקול השני היה לו בלי הכירות, ויעמוד כך כחצי שעה. ואחר כך דפק על הדלת וישאלהו מי אתה? ויען, אני חבירך וכו'. ויפתח לו תיכף. וכבוא רבינו הרמ"א הביתה, וירא כי חבירו יושב לבדו ואין איש אתו, השתומם מאד וישאלהו, הלא שמעתי שני קולות לומדים, ועתה אינני רואה כי אם אותך לבדך, ועל כן אני גוזר עליך שתגיד לי האמת מי הוא שלומד עמך? ויען רבינו, יען גזרת עלי, אני מוכרח להגיד לך האמת, כי הוא אליהו הנביא זכור לטוב, אשר הוא לומד עמי והוא פה עמנו גם כעת. עוד שמעתי בזה איזה מילים

# בעסער געבן געלט ווי איידער א ברכה

(רלוי"צ עונה לאיש הנ"ל שביקש ממנו את ברכתו) **אט דארטן איז דא א צדיק** (- ר' שמואל שפירא) - **פארוואס גייסטו נישט צום צדיק?! דארטן איז דא א צדיק, דארטן איז דא א איד א צדיק!**

**הערט זיך איין, דער איד וויל א ברכה, מיר אלע צוזאמען וועלן אים געבן א ברכה, מיר אלע צוזאמען, 'כולנו יחד', מיר אלע גיבן אים א ברכה ער זאל געהאלפן ווערן מיט 'בנים ובני בנים' יראים ושלמים, מיר אלע צוזאמען, אט אזוי.**

**אזוי** (סתם) **קען מען ווערן א מפורסם של שקר, ווייל אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן, קען ער שוין מיינען אז עס איז געווען מיין ברכה, ווערט מען א מפורסם של שקר... דארף מען גרויס רחמים!**[מב].

**דער רבי גיט דאך א משל דארטן**[מג]**, איינער שטייט מיט א שטעקן, און אונטן שטייט טאקע איינער וואס שיסט מיט אַן אמת'ן שיסער, און דער מאכט נאך מיט דעם שטעקן, מיינט ער אז ער האט עס געשאסן.**

---

שאליהו זכור לטוב אמר להרמ"א ז"ל: אל תחליש דעתך בזה שאני לומד רק עמו ולא עמך, לא שאתה קטן ממנו, **נאר מיר האבן נישט גערן קיין ברייטע ארבעל**, כמאמר (כתובות קג:) נהוג נשיאותך ברמה וד"ל, וכו'. יעויין שם כל המעשה באריכות. מובא גם בקיצור בספר 'נהרי אש' של הגה"ק ר' שמעון מזעליחוב הי"ד, בחלק 'ליקוטי דיבורים' אות קנ"ח. לציין, שעל השער של ספר החיים כתב: **עמיתו של רבינו הגאון מו"ה משה איסרליש זי"ע בעל המפה של השו"ע, ושגור מפי העולם, דהוי רגיל אליהו הנביא זכור לטוב דאתי גביה ומתני ליה.**

[מב] עיין שיש"ק ח"ה אות שצ"ג: אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בְּעֵת שִׁכְרוּתָם בְּפוּרִים הָיוּ פּוֹעֲלִים בְּבִרְכָתָם יְשׁוּעוֹת רַבּוֹת, וְיָדוּעַ בָּזֶה הַרְבֵּה סִפּוּרִים. וְסִפֵּר רַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל, שֶׁפַּעַם עוֹד בִּהְיוֹתוֹ בְּאוּמַאן בָּא אֵלָיו אֶחָד שֶׁלֹּא הִכִּירוֹ לְהַזְמִינוֹ עַל סַנְדְּקָאוּת, וְרַבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל לֹא הִכִּירוֹ, וּשְׁאָלוֹ: מִי אַתָּה וּמַדּוּעַ אַתָּה מְכַבְּדֵנִי בָּזֶה, עָנָה לוֹ הַלָּה: בְּעֵת שִׁכְרוּתְכֶם בְּיוֹם הַפּוּרִים בִּקַּשְׁתִּי מִכֶּם בְּרָכָה לְבֵן זָכָר שֶׁלֹּא זָכִיתִי לָזֶה כְּבָר כַּמָּה שָׁנִים, וְאָכֵן תֵּכֶף אַחַר פּוּרִים נִפְקַדְנוּ לְטוֹבָה וּבָטוּחַ אֲנִי שֶׁבִּרְכַּתְכֶם הִיא הִיא שֶׁהוֹעִילָה לִי...

[מג] חיי מוהר"ן אות תנ"ה: בְּעִנְיַן הַמְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר שֶׁנִּמְצָאִים עַכְשָׁו, שֶׁלִּפְעָמִים נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם פּוֹעֲלִים אֵיזֶה דָּבָר, כְּגוֹן כְּשֶׁבָּאִים אֶצְלָם בִּשְׁבִיל בָּנִים וְכַיּוֹצֵא, וְאַחַר כָּךְ נִפְקַד אוֹתוֹ הָאָדָם בְּבָנִים וְנִתְמַלֵּא מִשְׁאַלְתּוֹ אֲזַי הֵם תּוֹלִים בְּעַצְמָם שֶׁהֵם פָּעֲלוּ זֹאת. אָמַר מָשָׁל כְּמוֹ שֶׁאָדָם אֶחָד הוֹלֵךְ בַּדֶּרֶךְ וּפָגַע בִּזְאֵב וְהָיָה מִתְיָרֵא מִמֶּנּוּ, וְהוֹשִׁיט מַקְלוֹ וְעָשָׂה עִם מַקְלוֹ כְּדֶרֶךְ שֶׁעוֹשִׂין עִם קְנֵה שְׂרֵפָה שֶׁקּוֹרִין בִּיקְס, כְּאִלּוּ הוּא רוֹצֶה לִירוֹת אֶת הַזְּאֵב עִם מַקְלוֹ כְּדֵי שֶׁיִּתְיָרֵא הַזְּאֵב מִמֶּנּוּ. בְּתוֹךְ כָּךְ הָיָה מוֹרֶה אֶחָד עִם קְנֵי שְׂרֵפָה

**(דער נמשל איז,) דער מענטש דארף געהאלפן ווערן, און איך האב געגעבן א ווארט, מיינט ער אז איך האב אים געהאלפן, קען מען ווערן א 'מפורסם של שקר' אזוי מיטן פולן מויל. מען דארף גרוים רחמים, עס איז א געוואלדיגע סכנה. נאר אלע צוזאמען בכח הרבים - אלע האבן אים געגעבן א ברכה צוזאמען.**

**(רלוי"צ פונה לאחד שביקש ממנו צדקה:) געלט? דאס קען מען געבן, עס איז גרינגער צו געבן געלט ווי א ברכה...**

**(אחד הנוכחים: געלט ווערט דאך ווייניגער, און א ברכה ווערט דאך נישט ווייניגער; עס ווערט מיר דען ווייניגער אז איך גיב א ברכה?) און געלט ווערט יא ווייניגער?! אויב ער מיינט אז עס ווערט ווייניגער אז מען גיט, איז ער נאך ווייט פון צדקה...**[מד]

**מען דארף וויסן, אז מען גיט - נעמט מען! אז מען גיט - נעמט מען!**[מה]

**שוין, דאס קאפ דרייט זיך מיר, איך דארף זיך צושפאַרן.**

❖

---

בֶּאֱמֶת וְהָרַג אֶת הַזְּאֵב וְנִדְמָה לָזֶה שֶׁהוֹשִׁיט מַקְלוֹ שֶׁהוּא הֲרָגוֹ, וְהוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ שֶׁנֶּהֱרַג הַזְּאֵב עַל יְדֵי זֶה שֶׁהוֹשִׁיט קָנֶה שְׂרֵפָה בֶּאֱמֶת, כִּי בְּוַדַּאי אֵינָם יְכוֹלִים לַהֲרֹג אֶת הַזְּאֵב בְּמַקֵּל. כָּךְ הוּא מַמָּשׁ עִנְיַן הַנַּ"ל. כִּי יֵשׁ צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים בָּעוֹלָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר שֶׁהֵם פּוֹעֲלִים הַכֹּל בִּתְפִלָּתָם וְכָל הַפְּקֻדּוֹת לְטוֹב וְכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הַכֹּל עַל יָדָם. וְאֵלּוּ הַמְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם פָּעֲלוּ זֹאת, וְהוּא מַמָּשׁ כְּמוֹ זֶה שֶׁאוֹמֵר שֶׁהָרַג אֶת הַזְּאֵב עִם מַקְלוֹ כַּנַּ"ל, כִּי בֶּאֱמֶת הַכֹּל רַק עַל יְדֵי צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים כִּי הֵם פּוֹעֲלִים הַכֹּל וְכוּ':

[מד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רכ"ה: וְעִקַּר הַצְּדָקָה הוּא עַל יְדֵי הַבִּטָּחוֹן, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל"ז): "בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב", כִּי אִם אֵין לוֹ בִּטָּחוֹן אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת צְדָקָה כָּרָאוּי, כִּי מִתְיָרֵא שֶׁיֶּחְסַר לוֹ מַה שֶּׁנּוֹתֵן לִצְדָקָה, וְעִקַּר הַצְּדָקָה הוּא עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן, שֶׁבּוֹטֵחַ בַּה' שֶׁלֹּא יַפְסִיד וְלֹא יֶחְסַר עַל יְדֵי הַצְּדָקָה כְּלָל, כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְבָרְכוֹ בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה; גם עיין ליקוטי הלכות הל' קדושין ה"ב אות ז': עַל פִּי דֶּרֶךְ הַטֶּבַע הָיָה רָאוּי שֶׁעַל יְדֵי שֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה יֶחְסַר לוֹ, כִּי מְחַסֵּר מָמוֹנוֹ וְנוֹתֵן לֶעָנִי, אֲבָל בֶּאֱמֶת, אַדְּרַבָּא, כָּל מַה שֶּׁמּוֹסִיף וּמַרְבֶּה בִּצְדָקָה, נִתּוֹסֵף לוֹ בְּרָכָה גְּדוֹלָה בְּמָמוֹנוֹ.

[מה] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה י"ג - אצל הבעטליר השישי בלי ידים, עיי"ש; ושיחות הר"ן אות ק"נ.

# טרינקען ביז מסירות נפש

(השואל: דער טייטש איז, יעדער איינער, ווער עס טרינקט, באקומט אביסל אַן אור פון פורים?) **יא יא!**

(השואל: ווי פארדארבן ער איז?) **יא יא, וויבאלד אז ער טוהט 'לא ידע', גייט דאס אריין אין אים.**

(השואל: דאס איז די גרינגסטע עבודה! פון טרינקען אליין באקומט מען אַן אור?!) **דו האלסט שוין ביי 'עד דלא ידע'?!** (הנ"ל: איך האב נאך נישט געטרונקען!) **עס שטייט דאך 'חייב אדם'; "חייב"! דארף מען האבן מסירות נפש! 'עד דלא ידע' איז דאך א חיוב, דארף מען האבן מסירות נפש.**

**די אמאליגע ערליכע אידן האבן מקיים געווען דעם "חייב" בפשיטות - 'עד דלא ידע'.**

(השואל: ווער? רבי נתן?) **נאך האבן מקיים געווען דעם 'עד דלא ידע', ממש 'עד דלא ידע'.** (השואל: אלע יאר אזוי געווען?) **אלע יאר! נישט נאר רבי נתן, אנדערע אויך.**

**אונזערע לייט האבן געטרונקען בראנפן; דארטן איז געווען בראנפן, דא איז וויין; אז מען האט געטרונקען צוויי-דריי גלעזער בראנפן איז גענוג געווען, ערלעדיגט, 'עד דלא ידע'.**

(ר' מאיר קארליבאך: עס איז א מצוה מער מיט וויין!) **פארוואס?** (ר' מאיר: אין יין איז דא א שֵׁם) **בראנפן הייסט דאך 'יין שרף'.**

(רלוי"צ פונה לאחד הנוכחים:) **צדיק, זאג א גוט ווארט, זאג עפעס, היינט איז דער זמן, מארגן וועט מען דיך נישט וועלן הערן, היינט וועט מען דיך הערן, 'כל הפושט יד', זאג עפעס א גוט ווארט.** (הנ"ל: איך קען נישט). **אוי, אז דו קענסט נישט, האלסטו שוין דאך ביי 'לא ידע'! דאס אז דו קענסט נישט איז די העכסטע מדריגה! 'עד דלא ידע'! מען ווייסט נישט! דו ביסט דאך אַן ערליכער איד; אזא גרויסער ערליכער איד - און דו זאגסט אז דו קענסט נישט, איז דאך 'לא ידע'!**

# 'הני כלבין דחציפין'

עס איז שוין באלד נאנט צו ווערן א מפורסם דא! מען דארף איבערהאקן...

אמאל ביי שלש סעודות[מו] ביי "בני היכלא", ביי "וְלָא עָאלִין הַנֵי כַּלְבִּין דַחֲצִיפִּין", האט רבי נתן צעשריגן זיך: "כלב ארוים! כלב ארוים!".

אז עס כאפט זיך אריין א פרסום, איז דאס 'כלבין דחציפין'; האט ער געשריגן: "כלב ארוים! כלב ארוים!".

דער רבי זאגט דאך[מז]: "וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ הֵמָּה רֹעִים".

עס גיט זיך א כאפ אריין א פרסום, מען מיינט עפעס... "ולא עאלין" - עס זאל נישט אריינגיין די 'כלבין חציפין'. א 'כלב חצוף' כאפט זיך אריין און מאכט אים פאר א מפורסם. און טאמער רוקט מען אים אונטער עפעס א מופת אויך, יענער ווערט געהאלפן, איז ערלעדיגט, איז ער דאך אין א סכנה אויף אייביג![מח] יענער האט ממילא געדארפט געהאלפן ווערן פריער, און (דער מיינט) אז ער האט גומר געווען - ער האט גארנישט גומר געווען, ער האט נאר נישט קאליע געמאכט... הכלל, עס איז שוין ערלעדיגט.

אט דאס האט דער רבי אונז מודיע געווען, אז מען דארף זיך זייער היטן דערפון.

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: יעצט ווען איך בין אנגעקומען דארף מען שרייען 'כלב ארוים'...) יא, מען דארף שרייען שרייען 'כלב ארוים'; אבער ער איז גארנישט אריין צו דיר, ער איז אריין צו דיר?! ער איז גארנישט אריין צו דיר, ער לאזט אים נישט אריין, ממילא דארף ער נישט ארוים...

---

[מו] בעת 'השבועות הגדול' אצל מוהרנ"ת כמובא בשיש"ק (חדש) ח"ב אות שכ"ב, עיי"ש.

[מז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב אות ד': כִּי יֵשׁ רוֹעִים שֶׁל הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְהֵם גַּם כֵּן מְפֻרְסָמֵי הַדּוֹר, וְכוֹפִין אֲנָשִׁים לְתַחוֹת שִׁעְבּוּדֵיהוּ, וְעִקַּר מַלְכוּתָם הוּא עַל יְדֵי עַזּוּת, כִּי 'עַזּוּת מַלְכוּתָא בְּלָא תָּגָא' (סַנְהֶדְרִין ק"ה.), וְהֵם כִּכְלָבִים בְּעַזּוּתָם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו): 'וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ הֵמָּה רֹעִים', וְהֵן 'פְּנֵי הַדּוֹר כִּפְנֵי הַכֶּלֶב' (סוֹטָה מ"ט:).

[מח] עיין ליקוטי מוהר"ן תנ' סי' י"ח: סַכָּנָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם, וכו' עיי"ש.

**דו האסט עפעס א בריוו פון ר' אברהם'ען - ר' אברהם כהן?** (- כַּיום אבד"ק טאהש מאנסי חתן הרה"ק מטאהש זצוק"ל) **איך האב אים געזאגט, ווי אזוי ער וועט שרייבן וועט זיין גוט, אבער שרייב עפעס!** (ר' חיים שלמה: אים האב איך געשריבן אז ער זאל איך שרייבן, אבער די פּאָסט דארף מען ארויסטראגן פון שטעטל).

**שמשון** (שווארטץ ז"ל) **וואוינט נאך דארטן?** (אחד הנוכחים: שמשון וואוינט אין שכנות!) **קען זיין אז שמשון איז ארויס פון דארטן, מען האט אים געוואלט פארטרייבן פאר א יאר, ער וועט מאכן ברסלב'ער, נאר דער טאהשער רבי האט נישט געלאזט, ער האט געזאגט: "ר' שמשון איז אַן ערליכער איד, זאל ער וואוינען דא!".**

(אחד הנוכחים: טאהשער רבי וויל נישט ער זאל אוועקגיין, נאר ר' שמשון וויל גיין צו א צווייטע שטעטל, סאטמארער שטעטל, עס איז דא א סאטמארער שטעטל, אבער דער טאהשער רבי וויל נישט ער זאל אוועקגיין, דער טאהשער רבי האלט שטארק פון אים, ער האט גארנישט קיין התנגדות, איך קען אים, איך בין דאך א טאהש'ער, ער איז א משפחה מיינער, ער איז מיין שדכן געווען, ער איז געווען מיין מסדר קידושין.)

**דער טאהשער רבי האלט פון דעם רבי'נס זאך גאנץ פיין, ער האט מיך געזאגט אז דער טאהשער רבי זאגט 'תיקון הכללי', ער זאגט די תפילה פון תיקון הכללי אויך, נישט נאר די קאפיטלעך תהלים, און ער האט געוויינט ביי דער תפילה!**

❖

## דער חתן איז שוין דא!

**דארטן זיצט א צדיק - פארוואס זיצט איר דא?!** (אחד הנוכחים: ער שרייט אז ער איז נישט קיין צדיק... איך האב אים געזאגט: "ואני ערל שפתים" - משה רבינו'ס מדריגה...) **יא יא.**

(אחד הנוכחים: גיטעלע[מט] האט געבעטן איר זאלט מתפלל זיין פאר איר, מען האט איר גערופן צו א דאקטאר, זי איז שטארק נישט געזונט, "שרה גיטל בת חנה רבקה", זייט מתפלל, איך וועל איר זאגן אז איר האט מתפלל געווען!) **אלע צוזאמען, אט אזוי, זאל זי האבן א רפואה שלימה.**

(אחד הנוכחים: זי איז געווען אין שפיטאל, זי איז אנטלאפן פון שפיטאל...) **יא, זי וועט זיך האלטן אין שפיטאל?! זי איז שוין געווען אין אַן אלט-הויז, זי איז גליך אנטלאפן פון דארט...**

---

[מט] בזיווו"ר היתה אשת ר' ישראל קארדונער ז"ל, ובזוו"ש אשת ר' נתן בייטלמאכער ז"ל.

איר מאן איז געווען ר' ישראל קארדונער.

דער בנימין הצדיק, [זיין זון איז א ברסלב'ער חסיד], איז געווען א בחור, קיינער האט אים נישט געוואלט נעמען. איז ער געווען ביים חזון-איש, האט אים דער חזון-איש געזאגט: "פאר אריין קיין ירושלים, איז דא א אידענע, הייסט זי 'גיטעלע', זאג איר אז איך האב דיר געשיקט צו איר זי זאל דיר זעהן עפעס א שידוך!".

איז ער געפארן צו גיטעלע'ן. זאגט ער איר, "דער חזון איש האט מיר געשיקט צו אייך איר זאלט מיר זעהן א שידוך!" (ענתה:) "וואס וויים איך? איך גיי צום כותל!".

ביים כותל קומט דארט אָן א פּאָרפּאָלק, א מאמע מיט א טאכטער, רעדט זי (- די מאמע) אזוי ביים כותל - "שיק מיר צו עפעס א גוטן חתן פאר מיין טאכטער!". זאגט גיטעלע: "דער חתן איז שוין דא!". דאס איז געווען דער בנימין הצדיק - דער חתן. איז שוין געווארן דער שידוך.

דער קאפ דרייט זיך מיר, איך דארף זיך צוליגן... (אחד הנוכחים: איר האלט שוין ביי 'עד דלא ידע'! מיר האבן אלע זוכה געווען צו שטיין ביי ר' לוי יצחק'ן און באקומען דעם אור!) אה, דו ביסט שוין א חברה'מאן דו... ער איז שוין א חברה'מאן, ער קען שוין מאכן, ער קען שוין פארדרייען דעם קאפ גוט...

אוי, מען דארף האבן גרוים רחמים אין דעם עולם, דא זענען פארהאנען שווינדלערס וואס זיי האבן א פינגערל וואס פון אויבן איז עס גאלד און אונטן (- אינעווייניג) איז עס בלעך, ער נארט אפ יענעם און שוין.

ער קומט אהינצו מיט א זאק מעשים טובים - (ואומרים לו למעלה:) 'וואס האסטו דא געבראכט? דאס איז געשווינדלט, גיי! די סחורה איז נישט חשוב דא - דא וויל מען א-מ-ת! פון אויבן איז עס אנגעשמירט מיט אביסל גאלד און אונטן איז - - -

(אחד הנוכחים: מעשים טובים איז נישט קיין אמת?) אז ס'איז מיט אמת איז עס חשוב! דארטן וויל מען נאר אמת!

(אחד הנוכחים: די וועלט זאגט דאך, מעשים טובים איז דער עיקר אז יענער האט הנאה; אוודאי די כוונה איז בעסער, אבער דער עיקר איז אז יענער איז זיך מחיה) **דו מיינסט צדקה![ג] עס איז אבער דא נאך מעשים טובים.**

---

[ג] עיין ליקוטי הלכות הל' צדקה ה"א: . וְעִקַּר שֵׁם הַמַּעֲשֶׂה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה הוּא בְּחִינַת צְדָקָה. בִּבְחִינַת מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה, כַּמּוּבָא בַּמַּאֲמָר "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם" בְּסוֹפוֹ (בְּסִימָן יז) **וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּי קָדוֹשׁ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ נֵרוֹ יָאִיר. וּמִכְּלַל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים הָיִיתִי שׁוֹמֵעַ שֶׁשֵּׁם עֲשִׂיָּה הִיא צְדָקָה**; עיין גם שיחות הר"ן אות רנ"ח.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **אהרן שמואל האלד** הי"ו (לינדען ניו דשערסי)
לרגל הולדת הבן למזל טוב

מו"ה **יצחק אלטר פיש** הי"ו (בארא פארק)
לרגל הכנסת בנו נחמן שמעון לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה **זלמן לייב ראזענבערג** הי"ו (מאנסי)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**לע"נ ר' צבי אריה בן ר' יצחק ע"ה**
יארצייט י"ב אייר

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון בן מיינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה
בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים